# De dood van een os

Avraham Sutzkever

Met vlammende horens, twee gebogen waskaarsen onder een gele stralenkrans, vlucht een os uit de brandende stal met een hees gebrul, alsof in zijn keel een verguld slachtmes was blijven steken. De droge aangekoekte stront op zijn achterste walmt in violette spiralen, en van zijn voorpoten tot aan zijn kin staat zijn vlees in lichterlaaie, als in brand gestoken onkruid.

De eerste vallende sneeuw, alsof iemand een reusachtige zwerm parelwitte jonge duiven uit de hemeltil heeft verjaagd en hen midden in hun warme slaap naar de zondige aarde verdreven – de sneeuw kan het vuur niet blussen. Als de vonken, de rode vliegende naalden, met een scherpe prik de vallende duiven wekken, duurt het nog geen 'au!' of de duiven worden door het gretige vuur verslonden. Gesterkt door de verslonden sneeuwduiven ranselt het vuur nog woester op zijn prooi, met nog meer lust, en smeedt de os in koperen boeien, berijdt zijn rug als een naakte sater en geselt hem met brandende zwepen.

Zijn oren vangen een 'mmoeh' op, een angstig smachtend 'mmoeh', een donderslag met afgehakte vleugels…

Hij kan niet antwoorden. Zijn bek staat open, maar – hij is zijn tong verloren. Zijn instinct jaagt hem voort, het vuur stijgt op uit de aarde, uit schemerdonkere moerassen die zich uitstrekken tot aan een meer.

Eerst dan, als hij het water in stormt tot aan zijn knieën, en met zijn uitpuilende ovale ogen, als gesmolten veelkleurig glas, nóg een os in het water ziet, een omgekeerde, de brandende horens omlaag de hemel in – eerst dan rimpelt zich op zijn gezicht een menselijke glimlach.

Zijn koperen boeien springen open.
De sneeuw jaagt en jaagt.

En de os draait zijn kop naar links, in de richting van zijn geboortedorp, waarvan alleen een duistere schoorsteen over is, als een dode hand, en hij verroert zich niet.

Nog even flakkeren zijn horens, als kaarsen bij het hoofd van een dode, dan doven ze samen met de dag.

Uit: *Groen Aquarium*. Vertaling: Willy Brill en Mira Rafalowicz. Vassallucci, Amsterdam 1998

■

עס פלאַצן זייַנע קופּערנע ריפּן.
דער שניי שיט און שיט.

און דער אָקס, דרייט אויס דעם קאָפּ אויף לינקס, אין דער ריכטונג צו זייַן היי־מישן דערפֿל, וואָס פֿון אים איז בלויז פֿאַרבליבן אַ פֿינצטערער קוימען, ווי אַ טויטע האַנט, און ער טוט זיך קיין ריר ניט.

אַ ווייַלע פֿלעמלען נאָך די הערנער, ווי ליכט צוקאָפּנס פֿון אַ טויטן, און לעשן זיך צוזאַמען מיטן טאָג.

פֿון: *גרינער אַקוואַריום*. 1954

■

# דער טויט פֿון אַן אָקס

אַבֿרהם סוצקעווער

מיט ברענענדיקע הערנער, צוויי אויסגעקרימטע וואַקסענע ליכט, אונטער אַ געלן שטראַליקן אָרעאָל, טראָגט זיך אַן אָקס מיט אַ הייזעריקן רעווען פֿונעם פֿלאַמענדיקן שטאַל אַרויס, ווי אין זײַן האַלדז וואָלט געבליבן שטעקן אַ גילדענער חלף. דאָס צוגעקלעפּטע טרוקענע מיסט פֿון זײַן הינטערטייל רייכערט זיך אין פּיאָלעטע קנוילן און זײַנע פֿאָדערשטע פֿיס, אַרויף ביז דער געמבע, פֿלאַקערט בײַם סאַמע פֿלייש ווי אונטערגעצונדן ווילדגראָז.

דער פֿאַלנדיקער ערשטער שניי, גלײַך עמעץ וואָלט פֿאַריאָגט פֿון הימל-שלאַק אַ ריזיקע טשאַטע פּערל-ווײַסע יונגיטשקע טויבן, פֿאַרטריבן זיי אויף דער זינדיקער ערד אין מיטן זייער וואַרעמען שלאָף – דער שניי קאָן דעם פֿײַער ניט אײַנלעשן. ווען די פֿונקען, די רויטע פֿליִענדיקע נאָדלען, וועקן אויף מיט אַ דינעם שטאָך די פֿאַלנדיקע טויבן – געדויערט ניט קיין "אוי" – און די טויבן ווערן פֿאַרשלונגען פֿונעם זשעדנעם פֿײַער. און מיטן כּוח פֿון די פֿאַרשלונגענע שנייטויבן בושעוועט נאָך ווילדער, מיט מער הנאה, דאָס פֿײַער אויף זײַן קרבן, שמידט אים אין קופּערנע ריפּן, זיצט אויף זײַן רוקן ווי אַ נאַקעטער סאַטיר און שמײַסט דעם אָקס מיט שײַטערדיקע בײַטשן.

צו זײַנע אויערן דערטראָגט זיך אַ ממנו, אַ גרויליק בענקענדיקער ממנו, אַ דונער מיט אָפּגעהאַקטע פֿליגל...

ער קאָן ניט ענטפֿערן. ס'מויל איז אָפֿן, נאָר ניט אַנדערש – ער האָט פֿאַרלוירן די צונג. זײַן אימפּעט יאָגט אים ווײַטער, ס'פֿײַער הייבט פֿון דער ערד, פֿון די שקיעהדיק פֿינצטערע זומפּן וואָס ציִען זיך ביז צו אַן אָזערע.

ערשט דעמאָלט, ווען ער שטורעמט אַרײַן ביז די קני אין אָזערע, און מיט די פֿאַרטאָפּלטע עליפּסענע אויגן, ווי צונויפֿגעשמאָלצן גלאָז פֿון אַ סך קאָלירן, דערזעט ער אין וואַסער נאָך אַן אָקס, אַ קאַפּויערדיקן, מיט די ברענענדיקע הערנער אַראָפּ, אין הימל אַרײַן – נעמט זיך קנייטשן אויף זײַן פּנים אַ מענטשלעכער שמייכל.